# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

DECEMBER 1923
VOL. IV No.3

## THE LOGIC OF THE CHANGED CALENDAR

No one stops to ask for an explanation of one of the strangest facts, not only in historical literature, but in the living world; the fact that all civilized time is dated from the birth of Jesus Christ. This is the twentieth century; and from what event are those twenty centuries counted? From the birth of a Jew, who, on the sceptical theory, if he ever existed, was a peasant in an obscure province in a far-off age; who wrote no book, made no discovery, invented no philosophy, built no temple; a peasant who died when, as men count years, he had scarcely reached his prime, and died the death of a criminal. And even before his death the little band of disciples He had succeeded in gathering, all forsook Him and fled. This is a story written in all the characters of defeat. Yet civilized time is dated from the birth of this Jew! The centuries carry His signature, and the years of the modern world are labelled by universal consent "the years of our Lord."

And no one knows how it came to be done, or when or by whom. Not one educated man out of a thousand can tell, off-hand, why all civilized calendars are reckoned from that far-off birth in a little Jewish village. Every morning all the newspapers of the civilized world though some of them fill their columns with attacks on Jesus Christ readjust their date to His cradle. Each new year, as it arrives, is baptized with His name. Calendars and Acts of Parliament, business and politics, and literature—the very dates on our cheques and letters—all are thus unconsciously adjusted to the chronology of Christ's life.

To write a human signature on Time itself, to put a human name on the brow of the hurrying centuries—this is a marvellous achievement! Caesar has not done it, nor Shakespeare, nor Newton. Genius is vain to accomplish such a task, the sword is vain, wealth is vain. But this Jew has done it! Plato was a teacher, and Socrates was a martyr, with elements of artistic interest and of human power which might be thought to surpass anything associated with Jesus Christ. Plato taught on a larger stage, belonged to a more imperial race, and spoke a richer language than the carpenter of Nazareth. Socrates drank the cup of hemlock to an accompaniment of philosophic discourse, such as was never heard in Galilean villages. He talked the language of Homer and Aeschylus, not the rude Aramaic of Jewish peasants. The philosophy of Plato, the dialogues of Socrates, are studied yet in all the Universities of the world. But the world does not reckon its time from Plato or Socrates; from Alexander, Caesar or Marcus Aurelius; from Greek Olympiads or Roman Consulates. It dates its time from One who, as unbelief explains Him, was merely a Jewish peasant, and who died the death of a criminal!

Christian men as they dwell on this strange thing know that it is no accident. It is a sign writ large on Time itself, of the empire of Him who is the Lord of Time. But if we accept the theory of those who reject Christ, the very almanac of the modern world is an incredible absurdity. How does it come to pass, we repeat, that not by accident, not by some conspiracy of fanatics, not by the force of any imperial edict, but by a convergence of silent, unrecognized, almost unconscious forces, all civilized time is baptized into the name of Jesus Christ?

To have some common measure of time is, of course, a necessity of organized society; and in a thousand ways the attempt has been made to establish such a universal time-measure. But all these attempts—save one—have failed. The trouble is to find an adequate starting-point for the calendar. It must be an event, or a person, or an institution universally known; some one, or something, which has left an enduring mark on the imagination of mankind. And the scale of the event from which mankind consents, or is compelled, to count its years, may be measured by the geographical area over which that date is accepted as a starting-point of time, and the number of centuries through which it keeps that great office. A world-shaking victory, the foundation of some dynasty or of a creed, the beginning of a revolution—such an event, it might reasonably be expected, would give time a new starting-point. And it has a curious effect to look back and see how many starting-points have been set up, were visible for a moment, and are now forgotten.

History is strown thick with these forgotten way—marks of time—Greek Olympiads, Roman Consulates, Babylonian Eponyms. For centuries the mystic letters "A. U. C." were a witness that the world's time was dated from the foundation of the great city on the Tiber. One calendar dates from Alexander the Great, another from Julius Caesar. Pharsalia and Actium were battles that changed the course of history, and each in its turn was taken as a starting-point for the world's almanac.

But no conqueror's sword has ever cut deeply enough on Time to leave an enduring mark. The Julian era, the Alexandarian era, the era of the Seleucidae—all have had their little day and vanished. The martyrdoms of Diocletian could not burn deeply enough into the calendar to leave a lasting mark there. The Aera Martyrum is forgotten. The Indictions of all names—imperial and pontifical—have fled like shadows. There is for civilized man but one enduring, universally recognized starting-point of civilized time. It is that which dates from the cradle of Bethlehem!

How is this strange fact to be explained? Did a conspiracy of Christ's followers capture all the calendars of the race and baptize them by fraud into the name of their Master? No one ventures to suggest that explanation. The change was neither achieved by fraud nor imposed by authority. It does not represent the will of a conqueror, or the arts of priests, or the enactment of a despot. Most people would say, on general grounds, that we owe the christianization of the calendar to the Emperor Constantine. It was he who saw in vision, the cross, surrounded by the shining characters "In hoc vinces"; and he stamped that cross on the institutions and literature of his time. He, first of all the world's rulers, gave to Christianity official recognition.

But as a matter of fact he did not write the name of Jesus Christ on the calendar. The famous Indictions—or tax-periods were his work, and in some provinces of the empire they outlasted the empire itself. Traces of them, for example, are found in France for nearly 1,000 years after Constantine. But the Indictions had no religious aspect whatever; they simply marked the tax-periods in cycles of fifteen years. The most significant and impressive feature in the strange change wrought in the calendar is, indeed, the silence and slowness with which it was effected. The process was as independent of human will as the coming of Spring, or as the rise of a sea tide—and as resistless.

The name of Jesus Christ did not emerge in the calendar till five centuries after His death, a space of time long enough for Him to have been forgotten had He been an imposter. It took another five hundred years to become universally accepted as a starting-point for historic time. And the process is linked to no single human name. Who knows, or cares, anything about Dionysius Exiguus, an obscure Roman abbot, who from A. D. 525 had begun in his Easter tables, to count "ab incarnatione domini"?

(To be continued)

שונאים צו ליעבען. (מתתיהו ה, 44.) און ווי גיט וואלט עס געווען ווען אויך די רעדאקטארס זאלען אנהויבען צו גלויבען אין ישוע המשיח. צו ליעבען אמשטאט צו האסען, ווייל דאס לעצטע קומט פון שטן וואס שפיגעלט אב דעם טייוואלישען אינ־סטינקט שלעכטעס צו טהון, און דאס ערסטע די אהבה, קומט פון גאט און רעפלעקטירט געטליכקייט.

## גרויסע אידען.

דיעזען מאנאט שטעלען מיר דאס בילד פון'ם גרויסען איד, רעוו. יעקב יוסף שטערן, פון אונגארן.

ר' יעקב יוסף איז אין יענע יאהרען געווען א גמרא מלמד און א שוחט, און האט אויך שאלות גע'פסק'עט. זייענדיג זעהר פרום האט ער באשלא־סען מיט זיין בני בית אוועק צו פאהרען נאך ארץ ישראל און דארט אויסלעבען זיינע יאהרען על התורה ועל העבודה.

קומענדיג נאך יאפו איז ער פלוצ'ם זעהר קראנק געווארען און איז, ר"ל, געווארען א נוטה למות, און ס'האט שוין אויך געהאלטען "כלה פרוטה מן הכיס": און דא איז קיין קרוב קיין גואל. וואס טהוט מען דא? האבען איהם די דארטיגע מיסיא־נערן גענומען אויף זייער אחריות און איהם אין זייער האספיטאל אריין גענומען און האבען אויך פאר איהם שטארק מתפלל געווען בשם ישוע המשיח פאר א רפואה שלמה.

אין יוהנן 14 זאגט אונז ישוע המשיח אט די בריליאנטענע ווערטער: "כל דבר אשר תשאלו בשמי אני אעשנו". ד"ה, אלעס וואס איהר וועט בעטען אין מיין נאמען ־ זאגט ישוע המשיח ־ וועל איך עס טהון. וכך הוה, די ערענסטע תפלות בשם ישוע המשיח זיינען טאקע ארויף געגאנגען עד לב השמים און ר' יעקב שטערן האט בעקומען א רפואה שלמה. ער האט אבער איין טאג א פרעג געגעבען איינעם פון די מיסיאנערן, וואו ער איז אין דער וועלט? און וואס פאר אן אינטערעס יענע גוטע מענשען האבען אין איהם אלס א גאנץ פרעמדער?

אלס אנטווארט האט איהם דער מיסיאנאר גע־וויזען וואס ישוע המשיח האט אונז אנגעזאגט אין מתתיהו 10: "כי אם לצאן אבדות מבית ישראל תלכו... רפאו את החולים... הנם לקחתם והנם תתנו...". דארט האט אונזער גרויסער איד צום ערשטען מאל געהערט פון ישוע המשיח. און צום ערשטען מאל געזעהן א ברית הדישה פאר זיינע אויגען.

אזוי ליגענדיג אין בעט און לעזענדיג דאס טייע־רע ספר'ל הברית החדשה, האט אונזער מאדערנען יעקב'ן פלוצים א פינקעל געטהון דער "דרך כוכב מיעקב" (במדבר כ"ד) וואס איז ערפילט געווארען אין ישוע המשיח, און האט אזוי לאנג געלעזען און געשטודירט דאס תנ"ך מיט'ן ברית חדשה ביז... יא, ביז עס איז מיט איהם געגאנגען אזוי ווי מיט יעקב אבינו. "ויזרח לו השמש". דער גאנצער פלאן פון גאט ב"ה אין ישוע המשיח האט איהם אזוי שעהן אויפגעשיינט ווי די זון און האט בעשיינפער־ליך געזעהן אז ישוע המשיח איז דער גואל האמתי.



רעוו. יעקב יוסף שטערן

ווען ער איז שוין אין גאנצען געזונד געווארען איז ער אריין נאך ירושלים און איז פרייטאג געגאנ־גען צו דער "כותל מערבי" וואו אידען געהען תמיד צו קבלת שבת. זעהענדיג ווי אידען שלאגען זיך די קעפ אן די טויטע שטיינער און זיינען מתפלל, האט ער הויך אויסגעשריגען: אידען, ניט צו טויטע שטיי־נער דארף מען בעטען, נייערט בשם ישוע המשיח, ווייל נור אין איהם איז אונזער גאולה פאראן! אין האט זיי ערצעהלט ווי אזוי ער איז אויך געהאלפען געווארען פון דער עת צרה אין יפו.

אפאר פאנאטיקער האבען איהם אזוי מיאוס דארט צו־הרג'עט צושלאגען פאר דער אונגעבעטענער עצה, אז ניט אמאל די שווארצע הוליגאנעס אונטערן צארס רעזשים האבען געקענט א בעסער שטיקעל ארבייט אבטהון. דאס האט איהם אבער נאך מעהר חזקות געגעבען, וויסענדיג אז ישוע המשיח האט פאר איהם פיעל מעהר געליטען. עס הייסט אין ישעיה נ"ג: "והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו". זייט דאמאלס האט אונזער יעקב שטערן ממש אנגעהויבען צו לייכ־טען צו פיעלע אידען אין פינסטערע מקומות, אזוי ווי א "שטערן". אזוי וויא עס הייסט אין דניאל י"ב "והמשכילים יזהרו כזהר הרקיע ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד". ער האט אביסעלע שפעטער אנגעהויבען צו רייזען אויף'ן אריענט, אין סיריען, מצרים, אין גאנץ ארץ ישראל און איבעראל וואו ס'זיינען געווען אידען האט ער זיי אויפגעוועקט פון טיעפען שלאף צו דעם באוואוסטזיין אז דער "כוכב מיעקב" איז שוין אויפגעגאנגען אין דער פערזאן פון ישוע המשיח.

יא, אויך אין מצרים האט איהם א פאנאטיקער א זעץ געגעבען מיט א ציגעל איבערן קאפ. פון דאן אן האט ער תמיד געליטען קאפ־וועה. דאס הערץ אבער איז פערבליבען אנבעריהרט, טריי און איבער־געבען צו ישוע המשיח דעם פודה ומציל. יא, אלע כחות פון דעם נחש הקדמוני מיט דער "לילית און אשמדאי" צוזאם, קענען ניט גובר זיין די גבורת הבורא יתברך בישוע המשיח. און ווען גאט האט זיין חותם געגעבען אז ישוע איז דער משיח וועט עס שוין אזוי בלייבען לדורי דורות. א ציגעל אין קאפ קען עס אודאי ניט דער'הרג'ענען.

ווי מיר זעהן איהם דא אויף'ן בילד האט ער אויך דערלעבט א שיבה טובה, ועל כלם, ער האט אויך דערלעבט צו זעהן מעהרערע קהלות פון אידי־שע משיחיים, אלץ צוליעב זיינע הערציגע דרשות פון דעם "כה אמר ד'".

ער האט אויך דערלעבט צו זעהן אז איבעראל ווא ער האט גע'דרש'ענט פון ישוע המשיח האבען אויך גוים אנגעהויבען קריסטען צו ווערען, און מ'האט זייט דאמאלס אין יענע מקומות קיין אידען מעהר ניט געשלאגען, ווייל א גלויביגער קריסט קאן קיין איד שלעכטעס טהון, נייערט ער מוז איהם אנהויבען צו ליעבען אזוי ווי ישוע המשיח האט אנגעזאגט אין יוחנן ט"ו, 12: "וזאת היא מצותי לאהבה איש את אחיו כאשר אנכי אהבתי אתכם".

לכתחלה האט זיין פרוי, עפעס א מיוחסת, א רבין'ס אן איינקעל, איהם גרויסע צרות אנגעטהון צוליעב זיין גלויבען. זי האט מיט איהם לגמרי נישט געוואלט צוזאם לעבען, און האט די קינדער פון איהם אוועקגענומען. שפעטער אבער האט ער די זכיה גע־האט אז אויך זיין פרוי און קינדער האבען אויפגעגע־בען זייער ווידערשטאנד און האבען דערזעהן דעם אמת אין הייליגען משיח.

אונזער גרויסען איד איז קיינמאל ניט צו־שווער געווען א איד א טובה צו טהון. בפרט ווען עס האט זיך געהאנדעלט פאר'ן כלל ישראל. צו יענער צייט איז זעהר שטארק געווען די שנאה פון די אראבער צו אידען. וויסענדיג אז "שטערן" איז א גרויסער אויפ־טוער האבען זיי איהם, דעם מיסיאנאר, געשיקט אלס זייער מליץ יושר און האט אויך דאמאלס אסאך פאר אידען אויפגעטהון. די פערפאלגונגען האבען לחלוטין אויפגעהערט. אט דאס הייסט א גרויסער איד.

## אונזערע טהעמאס

מיר אנאנסירען דא די טהעמאס איבער וועלכע רעדען וועלען געהאלטען ווערען אין בית שר שלום די פאלגענדע אבענדען.

פרייטאג, דעצעמבער 7.
"די בעדייטונג פון בערלינער פאגראם".

זאנטאג, דעצעמבער 9.
"געהען אידען פארווערטס אדער ריקווערטס".

פרייטאג, דעצעמבער 14.
"ווען וועלען די פאגראמען אויפהערען".

זאנטאג, דעצעמבער 16.
"די ערפילונג פון לאנגען אידישען חלום".

פרייטאג, דעצעמבער 21.
"פארוואס אנטלויפען אידען פון ארץ ישראל".

זאנטאג, דעצעמבער 23.
"דאס גרעסטע וואונדער אין דער וועלט".

פרייטאג, דעצעמבער 28.
"האבען אידען א קעניג".

זאנטאג, דעצעמבער 30.
"מיטוואס בין איך א איד".

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט׳ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דינען משיח

Subscription Price 50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

DECEMBER 1923
VOL. IV No.3


## זאנגוויל לערענט מיט ציוניסטען "בלק"

ס' איז עפּעס אזוי עהנליך און אזוי פערגלייכבאר אז מ׳קען נישט צוריק האלטען דעם בליצענדען געדאנק וועלכער גיט א שנעלען שפרונג אזש צום חומש און כאראקטעריזירט דעם אינצידענט צווישען די אמעריקאנער ציוניסטישע פיהרערס און ישראל זאנגוויל, אלס "מעשה בלק".

עס שיינט אז די אמעריקאנישע ציוניסטישע פיהרער האבען א הויך סענטימענטאלע נשמה. זייא האבען געוואלט אויפבלאזען דעם אידישען קאנגרעס אזוי, אז די גאנצע וועלט זאל וויסען אז די אמעריקאנער ציוניסטען האבען אבגעהאלטען עפּעס א גרויסארטיגען און אויסערארדענטליכען קאנגרעס. האבען זיי דאפיר בעשאפען א וואונדערבארע סענזאציע דורך דעם איינלאדענען ישראל זאנגוויל, דעם וואהלבעקאנטען שרייבער און פּערפאסער.

די ציוניסטישע פיהרער האבען גאנץ נאטירליך ערווארטעט, אז מר׳ זאנגוויל זאל אויפהויבען די ציוניסטישע אונטערנעהמונג, און מיט זיין אינטערעסאנטע רעדע זאל ער צוציהען, מעהר פון די רייכע אידען אין אמעריקא צו די אינטערעסען פון ציוניזם, ווייל זאנסט װאלטען זיי דאך ניט אימפּארטירט א רעדנער אזש פון לאנדאן!

צום סוף האט זאנגוויל גאר מיט זיי געלערענט "בלק". בלק האט אויך איינגעלאדענט א גרויסען גאסט פון א ווייטער שטרעקע אום צו ערייכען זיין ציעל. אבער ווען דער גאסט איז געקומען האט ער ניט געוואלט, דאס רעדען וואס בלק האט געוואלט. און בלק איז במחילה געבליבען ענטוישט.

אויך זאנגוויל איז ניט געפעלען די ציוניסטישע פיהרער מיט זיין רעדע. ער האט גאר דערקלערט אז "ציוניזם איז טויט". דאס איז געוועזען א שווערער קלאפּ פאר די פיהרער פון די ציוניסטען וואס האבען איהם איינגעלאדענט, און אן ענטמוטיגונג צו אלע ציוניסטען בכלל.

דער דיפערענץ פון זאנגוויל ביז "מעשה בלק" איז נור: אז דארט האט מען יא געהערט פון דעם "כה אמר ד׳", פון דעם "דרך ככב מיעקב", פון ישוע המשיח, און דא האט מען לחלוטין קיין איין ווארט געהערט פון יענעם גרויסען שטערען וואס האט באלייכטעט דיא וועלט.

וואס בעדייטעט אייגענטליך דיזע טראגיש־קאמישע פאסירונג?

מיר האבען שוין איינינגע מאל באמערקט דורך דיזען בלאט, אז די ציוניסטישע פיהרער האנדלען ניט און וואנדלען ניט לויט די אידישע תורה. זיי זוכען אלערהאנד וועלטליכע מיטעל אום זייערע פּראיעקטען אויסצופיהרען און ציינען ניט דעם מינדעסטען בטחון אין גאט. אט פערלאזען זיי זיך אויף ענגלאנד און ווערן ענטוישט. אט פערלאזען זיי זיך אויף דעם און אויף יענעם שטאאטסמאן און ווערען ווידער ענטוישט. און אט פערלאזען זיי זיך אויף א געוואלטיגען רעדנער.... און ס׳לאזט זיך אויס "מעשה בלק".

ווען אן אויפריכטיגער עהרליכער איד בעטראכט די אידישע סיטואציע, ספעציעל אויף די אידישע קאנגרעסען און קאנפערענצען,, וואו עס ווערט קיין איין מאל ניט דערמאנט גאט׳ס נאמען, קיינמאל קיין ווארט דערמאנט פון דעם "דבר ד׳", מוז דיא נשמה אין איהם וויינען פאר צער. און מען מוז זיך ערמאנערען פון דיא טרויריגע ווערטער וואס גאט ב"ה זאגט צו משה׳ן: "עד אנה לא יאמינו בי ?. (במדבר י"ד, 11)

ווען אבער א געמיינדע פון גלויביגע אין ישוע המשיח האלטען א פערזאמלונג, סיי מ׳האלט יא רעדעס סיי ניט, פארפעהלט מען קיינמאל ניט צו ערשט פארצולעזען עפּעס פון דעם דבר ד׳. ווען אזא געמיינדע דארף האבען געלד, שיקט מען צו ערשט, איידער מ׳נעמט זיך צום נאטירליכען פּראצעדור, ארויף א געבעט צו גאט בשם ישוע המשיח, און מ׳בעט איהם אז "ער", גאט אליין, זאל האבען א האנד דרין, און ער העלפט טאקע תמיד אז ס׳איז דא "די והותר". ביי אידען האט מען אבער גאט לגמרי רעליגאטירט (פערטריבען) צו א פעליגער פארגעסענהייט. זיצענדיג ביי אזא קאנגרעס אדער קאנפערענץ, פיהלט זיך דארט אזא קאלטע אטמאספער פונקט ווי ביי א היידנישע צוזאמענקונפט. אונטער אזאלכע אומשטענדען קומט נאטיהרליך פאר אזאלכע קאמישע זאכען ווי עס האט איצט פאסירט. די ציוניסטישע באוועגונג מיט אלע איהרע פינאנציעלע אקטיוויטעטען איז "כצאן בלא רעה", אזוי ווי א שיף אהן א רודער. ס׳פרעגט זיך אבער, געוואלד, פארוואס זאלען אידען קיין ידיעה האבען אין זייער אייגענעם תנ"ד? פארוואס זאלען זיך די ציוניסטען דערשרעקען פון זאנגוויל׳ס ווערטער אז "ציוניזם איז טויט"? פארוואס זאלען זיי זיך צוהערען צו דעם "כה אמר זאנגוויל", און ניט צו דעם "כה אמר ד׳"?

ניין! קיין מענשליכע קראפט אין דער וועלט קען צוריקהאלטען די ציוניסטישע באוועגונג, ווייל גאט האט געזאגט, אז ער, גאט אליין, וועט ארויס ברענגען די אידען פון צווישען די פעלקער מיט זיין שטארקער האנד און מיט זיין אויסגעגאסענעם גרימצארן. (יחזקאל כ) און אין יחזקאל כ"ב הייסט עס: "דאס הויזגעזינד פון ישראל איז צו מיר געווארען ווי פסולת. איך וועל אייך זאמלען אין מיטען פון שטאדט ירושלים אזוי וויא מ׳זאמעלט זילבער קופּער און אייזען אין דער מיטען פון א שמעלץ אויווען דרויף צו בלאזען מיט פייער, כדי עס צו צושמעלצען. אזוי וועל איך איינזאמלען מיט מיין צארן און וועל אויף אייך בלאזען מיט פייער פון מיין גרימצארן און איהר וועט אין איהרער מיטע (אין ירושלים) געשמאלצען ווערען און איהר וועט וויסען אז איך ד׳ האב איבער אייך אויסגעגאסען מיין גרימצארן". דענקט נור ליעבער לעזער דיזע ווערטער האט גאט געזאגט מיט א שבועה. לאמר: חי אני נאום ד׳", אזוי זיכער ווי איך לעב.

לויט דיזע און פילע אנדערע שטעלען אין דעם הייליגען תנ"ד זעהען מיר, אז אידען וועלען געצוואונגען זיין צוריק צו געהן נאך ארץ ישראל. יא ציוניזם אדער ניט ציוניזם. יא געלד אדער ניט געלד, יא זאנגוויל אדער ניט זאנגוויל. דער אידישער צוג נאך ארץ ישראל קען בשום אופן ניט אבגעהאלטען ווערען, ווארום? ווייל גאט האט אזוי געזאגט.

גאט האט פערזוכט פילע אנדערע מיטלען צו באקעהרען דאס אידישע פאלק צו האבען אמונה אין איהם און אין זיינע ווערטער. און ס׳האט ער היום נאך גאר ניט געהאלפען. ער האט צו אידען געשיקט מעהרערע נביאים, ווער האט אבער זיי געוואלט הערען? צום סוף האט ער צו אידען געשיקט דעם משיח ד׳ גופא, וועלכען ער רופט אן אין תהלים ב׳ "בני אתה". איהם האט מען אבער אויך פארווארפען. דאס לעצטע מיטעל וואס גאט וועט נאך אראפּפירען וועט זיין דער "שמעלץ אויווען" אין ירושלים, און נאכדעם ווי זיי וועלען דארט געשמאלצען ווערען, וועט דאס פסולת ארויס גיין, און דאס עדעלע און ראפינירטע טייל פון׳ם פאלק

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3. 1879